# לחיזוק ההתקשרות
# לכ"ק אדמו"ר מה"מ

◆

לזכות

הרה"ת ר' **שניאור זלמן י"י** שיחי'
בן חי' לאה

ליום הולדתו - י"ג מר-חשון

לשנת ברכה והצלחה רבה ומופלגה

לאויוש"ט

**ולזכות משפחתו שיחיו**

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל
**שניאורסאהן**
**מליובאוויטש**

## לך לך

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פא־קוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וששים לבריאה

# לך לך

א. עס שטייט אין משנה [1]: „עשרה דורות מנח ועד אברהם להודיע כמה ארך אפים לפניו שכל הדורות היו מכעיסין ובאין עד שבא אברהם אבינו וקבל שכר כולם".

דאַרף מען פאַרשטיין: וויבאַלד די עשרה דורות זיינען געווען „מכעיסין ובאין", ווי עס ווערט געזאָגט אין דער משנה גופא, טאָ וואָס פאַר אַ שכר האָט זיי געקומט וואָס אברהם האָט עס באַקומען?

נאָכמער, פריער זאָגט די משנה: „עשרה דורות מאדם ועד נח להודיע כמה ארך אפים לפניו שכל הדורות היו מכעיסין ובאין עד שהביא עליהם את מי המבול" — ניט צוגעבנדיק אַז נח „קבל שכר כולם"; און ס'איז פאַרשטאַנדיק אין פשטות: וויבאַלד „היו מכעיסין ובאין", האָבן זיי במילא קיין שכר ניט פאַרדינט.

לויט דעם ווערט נאָך מער ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס ביי די „עשרה דורות מנח ועד אברהם", וועלכע זיינען אויך געווען „מכעיסין ובאין", פירט אויס די משנה אַז אברהם „קבל שכר כולם"?

פאַראַן מפרשים [2] וואָס פאַרענטפערן, אַז יעדער מענטש האָט אַ פאַראויס באַשטימטן חלק אין גן עדן [3], נאָר אויב ער איז „נתחייב" (וואָס דעמאָלט נעמט ער „חלקו בגיהנם") דאַן קומט אַ צווייטער וואָס איז „זכה", און „נוטל חלקו וחלק חבירו בג"ע" [3].

לפי זה אָבער ווערט שווער אינעם ערשטן פאַל — „עשרה דורות מאדם ועד נח כו'": וויבאַלד זיי זיינען אויך געווען „מכעיסין ובאין", און נח איז געווען „צדיק גו' בדורותיו" [4], האָט דאָך נח געדאַרפט נעמען „חלקו וחלק חבירו (פון די עשרה דורות) בג"ע"?

ב. מפרשים [5] זיינען עס מסביר: היות אַז נח האָט ניט מתפלל געווען על אנשי דורו [6], ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט מקרב זיין די מענטשן פון זיין דור צום אויבערשטן און פועל זיין זיי זאָלן זיך פירן כדבעי [7], דעריבער איז זיין „זכה" ניט געווען גענוג גרויס אַז ער זאָל נעמען „שכר כולם":

משא"כ אברהם, וואָס האָט מפרסם געווען אלקותו בעולם („ויקרא שם בשם ה' א־ל עולם" [8]) און האָט מקרב געווען מענטשן צום אויבערשטן, ווי חז"ל [9] זאָגן אויפן פסוק [10] „ואת הנפש

1) אבות פ"ה מ"ב.
2) ראה רבינו יונה, רע"ב ופירש"י לאבות שם.
3) חגיגה טו, א.

4) ר"פ נח.
5) ראה מחזור ויטרי כאן. לקו"ש ח"ג ע' 756 ואילך. וראה רש"י ורד"ו (ועוד) כאן: נח כו' לא הי' צדיק כ"כ כו'.
6) זח"א סז, ב. קו, א. רנד, ב. ח"ג טו, א.
7) ואף שנח הי' „אומר להם עתיד הקב"ה להביא מבול לעולם אולי ישובו" (פרש"י נח ו, יד — ע"פ תנחומא ה), ובסנהדרין (קח, א־ב): מלמד שהי' נח הצדיק מוכיח אותם כו' — מ"מ: נח לא התעסק עם אנשי דורו כו', ורק כשבאו אליו ושאלו ע"ד בנין התיבה כו' אז הוכיח אותם (ראה לקו"ש ח"ב ע' 322. לעיל ע' 40. לקמן ע' 89).
8) וירא כא, לג. וראה רמב"ם הל' ע"ז פ"א ה"ג.
9) ב"ר פל"ט, יד. ושי"נ. זח"א עט, א. ובכ"מ. פרש"י ותרגום פרשתנו יב, ה. וראה גם סוטה י, רע"ב. ב"ר שם, טז. ובכ"מ.
10) פרשתנו שם.





אַז מ'זאָל דאָס אַלעס אויבנדערמאָנטע טאָן בשמחה, בהמשך צו שמחת תורה, יעקב וועט „אזמרה (זינגען און לויבן) לאלקי יעקב", און זוכה זיין בקרוב צו — ווי די פאַרטזעצונג אין תהלים — תרוממנה קרנות צדיק, ביאת משיח צדקנו.

בכבוד ובברכה להצלחה ולבשורות טובות בכל האמור

אזמרה .. צדיק: תהלים עה, י, יא.
משיח צדקנו: וכמש"נ וירם קרן משיחו (ש"א ב, י. וראה מדרש תהלים עה"פ שם).

## בשורת הגאולה

## מז.

כמדובר כמ"פ, אַז ס'איז שוין „כלו כל הקצין" [1], און כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האָט מודיע געווען אַז מ'האָט שוין תשובה געטאָן, און מ'האָט שוין אויך „צוגעפוצט די קנעפּ", און לויט אַלע סימנים איז דורנו דער דור האחרון פון גלות ובמילא דער דור הראשון פון גאולה. ועפ"ז איז מובן, אַז ס'איז אַן ענין שהזמן גרמא — אַז מ'זאָל זיך גרייטן בפועל צו „לך לך מארצך גו' אל הארץ אשר אראך", תיכף ומיד ממש.

. . . ע"פ המדובר לעיל, אַז בדורנו זה במיוחד (דער דור האחרון אין גלות און דור הראשון פון גאולה) שטייט בהדגשה יתירה די עבודה פון „לך לך מארצך גו' אל הארץ אשר אראך", וקנין כל העשר ארצות — איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס דאַרף זיך לכל לראש אָפּשפּיגלען אין דער עבודה מעין זה פון אידן, דורך דעם וואָס ער איז מוסיף אין לימוד התורה, ניט נאָר לויט זיינע ג' מוחין השייכים למדות, נאָר אויך ג' מוחין בעצם. וואָס דאָס איז במיוחד — דורך מוסיף זיין אין לימוד פנימיות התורה (כולל בביאור ענינים אלו דעבודת המוחין [2]), כולל — בעניני הגאולה ומשיח צדקנו.

(משיחות ש"פ לך לך, י"א מר־חשון תשנ"ב)

1) סנהדרין צז, ב.
2) ראה גם שיחת ח' חשון שנה זו.

און די ספעציעלע דריי מצוות כלליות, וועלכע זיינען אנפאַטרויט געוואָרן צו אידישע פרויען:

מבצע נר שבת קודש (נש״ק) — צו זען, אַז אַלע אידישע פרויען און טעכטער, אויך גאָר יונגע מיידעלעך, זאָלן אָנצינדן ליכט אין צייט פאַר דער שקיעה ערב שבת און ערב יום טוב, אַריינברענגען אידישע ליכטיקייט אין הויז;

מבצע כשרות — אָפּהיטן כשרות אין אַלע שפּייזן און געטראַנקען, סיי בא זיך אין שטוב און סיי אויסערן שטוב, און טאָן אין כשר מאַכן יעדע אידישע הויז, און דורך כשרות ווערט דער אידישער גוף (און הארץ און מוח) נאָכמער אויסגעאיידלט און געהייליגט: און

מבצע טהרת המשפחה — דער יסוד פון ריינקייט און הייליקייט פון יעדן אידישן קינד, פון יעדער אידישער משפחה און פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

* * *

דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז עס זאָלן מקויים ווערן אַלע ברכות וואָס אידן האָבן זיך אָנגעוואונטשן צום נייעם יאָר,

עס זאָל זיין אַ שנה טובה ומתוקה מיט אַלע פירושים, און עס זאָל זיין, ווי געזאָגט אויבן:

ויעקב — וואָס דאָס נעמט אריין אַלע אידן, ניט נאָר די וועלכע זיינען שוין אויך אין דער העכערער מדריגה פון ישראל און ישורון,

הלך — גיין לויט דעם אמת׳ן פירוש דערפון, ד.ה. אוועקגיין פון דעם פריערדיגען צושטאַנד צו אַ העכערן צושטאַנד, וואָרום ווי גוט דער צושטאַנד איז, דאַרף מען דאָך אַלעמאָל שטייגן אַלץ העכער אין אַלע ענינים פון קדושה,

לדרכו — אַז „זיין וועג״, אַפילו אין עניני רשות, ווערט אַ וועג פון ג־ט־לעכקייט, ווי ער זאָגט גלייך נאָכדעם: ויפגעו בו מלאכי אלקים (עס האָט איִם באַגעגנט ג־טלעכע מלאכים) — אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס יעדער איד איז אַ „מלאך״ — שליח פון אויבערשטן צו מאַכן פאַר עם אַ „דירה״ אין דער דאָזיגער נידעריקסטער וועלט,

מבצע נר ... אין הויז: ובפרטיות בזח״א (מח, ב) ואתתא בעיא בחדוא דלבא ורעותא לאדלקא בוצינא דשבת דהא יקרא עלאה היא לה וזכו רב לגרמה למזכי לבנין קדישין דיהון בוצינא דעלמא באורייתא ובדחלתא ויסגון שלמא בארעא ויהיבת לבעלה אורכא דחיין בגין כך בעיא לאזדהרא בה.

ויעקב ... ישראל און ישורון: אוה״ת עקב ע׳ תקעט ואילך. ובכ״מ.

הלך ... אמת׳ן פירוש: ראה ג״כ ד״ה ויגש תרס״ח (המשך תרס״ו ע׳ תצז).

לדרכו ... רשות: או י״ל עפמשנ״ת בלקוטי לוי״צ לזח״ב (ע׳ קיב).

ויפגעו בו מלאכי: (ולא „ויפגע במלאכי״, ללמד כי) באו לקראתו ללותו (רש״י ויצא לב, ב).

שליח ... „דירה״ ... נידעריקסטער וועלט: תניא פל״ו־לז. המשך תרס״ו בתחילתו וד״ה תקעו תרס״ז. ועייג״כ תורת הה״מ (הוספות לאו״ת — קה״ת, תשל״ג — סל״ז).





אשר עשו בחרן״, האָט ער דעריבער זוכה געווען צו מקבל זיין „שכר כולם״.

עס בלייבט אָבער נאָך אַלץ ניט מובן: אַנגענומענדיק אַז אויך די עשרה דורות שמאדם ועד נח האָבן גרייט אַ באַשטימטן שכר (ווייל כל אדם יש לו חלק בג״ע וכו׳, כנ״ל) און וויבאַלד אַז נח האָט זייער שכר ניט באַקומען ווייל איִם האָט געפעלט דער זכות דערויף — היינט ווער האָט גענומען זייער חלק אין ג״ע?

און מ׳קען ניט זאָגן, אַז קיינער האָט עס טאַקע ניט באַקומען, וואָרום אויף ג״ע שטייט[11] „ויניחהו בג״ע לעבדה ולשמרה״, און לאחר חטא עץ הדעת איז דער ג״ע דער אָרט פון קבלת השכר פאַר דעם לעבודה אלו רמח מ״ע און לשמרה אלו שסה מל״ת[12] אין עולם הזה — ג״ע איז באַשטימט פאַר דעם אדם מיט אַ תכלית און ציל: קען דאָך ניט געמאָלט זיין אַז אַן אָרט אין ג״ע זאָל בלייבן „ליידיג״ ובפרט אַן אָרט וואָס איז כולל חלקים פון אַלע מענטשן פון צען דורות און גאָר לאַנגע דורות[13] — עמיצער מוז דאָרט קומען און דערפילן דעם תכלית פון ג״ע.

מוז מען דעריבער זאָגן, אַז די עשרה דורות מאדם עד נח האָבן מלכת־חילה ניט געהאַט קיין שום צוגעטיילטן חלק — שכר: מ׳דאַרף אָבער

פאַרשטיין: מיט וואָס זיינען זיי מיט זייער „מכעיסין״ געווען אַנדערש און ערגער פון די צווייטע עשרה דורות?

ג. אויך איז ניט פאַרשטאַנדיק: וואָס איז בכלל דער חידוש פון דער משנה אַז דער אויבערשטער איז אַן „ארך אפים״? ס׳איז דאָך אַ בפירוש־ער פסוק[14]: „ה׳ (א־ל) ארך אפים״ און דאָס מיינט (ווי רש״י[15] ברענגט אַראָפּ) „לצדיקים ולרשעים״?

בפשטות קומט אויס[16], אַז דער חי־דוש פון דער משנה איז — „כמה ארך אפים כו׳״: אין פסוק ווערט ניט דער־מאָנט ביז וויפל עס ציט זיך דעם אויבערשטנ׳ס „ארך אפים״: דעריבער זאָגט די משנה „להודיע כמה כו׳״, אַז דער אויבערשטער איז מאריך אַף ביז אפילו „עשרה דורות״.

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: וואָס איז טאַקע די הסברה דערפון וואָס דער אויבערשטער איז מאריך אַף ביז אפילו „עשרה דורות״? און וואָס איז די הדגשה פון „עשרה דורות״ דוקא?

ד. וועט מען דאָס אַלץ פאַרשטיין דורך מבאר זיין נאָך אַן ענין: דער סדר המשניות איז דאָך אויס־געשטעלט בדיוק[17], ובפרט — אין דעם זעלבן פרק, און וויבאַלד אַזוי: וואָס איז די שייכות פון דער משנה פון „עשרה דורות מאדם״ צו דער פריערדיקער משנה „בעשרה מאמרות

11) בראשית ב, טו.

12) אוה״ת בראשית (ח״ו ע׳ 2082 — בשם ארז״ל). וראה לקו״ת שה״ש (מח, ד). יל״ר בראשית. זח״א כז, א. תקו״ז תכ״א (סב, א). שם תנ״ה (פח, ב).

13) שהרי בודאי הסברא נותנת — שהחלק בג״ע הוא לפי ערך ריבוי עבודתו את ה׳ במשך ימי חייו שניתנו לו.

14) תשא לד, ו. שלח יד, יח.

15) שלח שם (מסנהדרין קיא, סע״א. וראה גם עירובין כב, א. ב״ק נ, רע״ב). ובפרש״י תשא שם: שמא יעשה תשובה.

16) דרך חיים (להמהר״ל) לאבות שם.

17) ונפק״מ להלכה בנוגע מחלוקת ואח״כ סתם כו׳ — כידוע בכללי הש״ס. וראה תוס׳ — ב״ק (קב, א ד״ה אין), ריש ב״מ וב״ב.

נברא העולם כו׳״? אויב בלויז צוליבן סדר הענינים אין זמן, וואס די עשרה דורות מאדם עד נח האבן זיך אנ־געהויבן גלייך נאך „נברא העולם״, האט דער תנא געדארפט מקדים זיין די שפעטערדיקע [18] משנה „עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות כו׳״ וואס רעדט וועגן דעם סיום פון „נברא העולם״ — פאר דעם זמן פון די „עשרה דורות כו׳״ [19].

איז דער ביאור אין דעם: אין דער פריערדיקער משנה ווערט געזאגט אז „בעשרה מאמרות נברא העולם כו׳״ און אז דאס לערנט אונז א צווייענ־דיקן עניז: „להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם כו׳ וליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם כו׳״.

און בהמשך ובהתאם צו די צוויי לערנונגען בקשר צו די צוויי סוגי בני אדם [א) להפרע מן הרשעים שמ־אבדין כו׳. ב) וליתן שכר טוב לצדי־קים שמקיימין כו׳] לערנט די צווייטע משנה אין די זעלבע צוויי ענינים [20]:

א) „עשרה דורות מאדם ועד נח וכו׳״ — וואס די עשרה דורות זיינען געווען רשעים וואס האבן מאבד געווען דעם עולם, דעריבער האט דער אויבערשטער זיי מעניש געווען („להפרע״) — „שהביא עליהם את מי המבול״.

ב) „עשרה דורות מנח ועד אברהם כו׳ עד שבא אברהם וקבל שכר כולם״ — וואס הגם אויך אט די עשרה דורות „היו מכעיסין ובאין״, האט אבער אברהם אבינו „מקיים״ געווען דעם עולם: ער האט גע׳פועל׳ט א קיום אויך אין די אלע זיינע עשרה דורות [21], און דערפאר איז געווען „שכר כולם״ און ער האט גענומען „שכר כולם״.

ה. ס׳איז אבער נאך אלץ ניט מוס־בר: וואס איז פארט דער הפרש צווי־שן די ביידע עשרה דורות, וואס דוקא אין די צווייטע האט מען געקענט אויפטאן א „קיום״ (און דורך דעם מקבל זיין „שכר כולם״)?

איז דער ביאור אין דעם:

ע״ד ווי בא מלחמות — כפשוטן — פון אידן איז געווען זאכן וואס מען האט מחרים געווען און זאכן וואס מען האט גענומען בשלל,

אזוי אויך אין דער מלחמה מיטן רע שבעולם זיינען פאראן צוויי סוגים ברע [22] (און במילא צוויי אופנים ווי צו „טאן״ [23] מיט זיי [24]):

א) זאכן וואס זיינען אינגאנצן רע, זיי האבן ניט אין זיך קיין טוב; און אזעלכע זאכן דארף מען מאבד זיין — ע״ד פון „שבירתן זוהי טהרתן״ [25].

18) משנה ו.

19) כמו שהקשו במד״ש, נחלת אבות ודרך חיים לאבות.

20) ראה בס׳ שבהערה הקודמת.

21) ראה רבינו יונה שם: מלא כל החסרונות כו׳.

22) בארוכה — תניא פ״ו ואילך.

23) כמש״נ: (מ)כל מלאכתו אשר ברא אלקים (צריך) לעשות (לתקן) — ב״ר פי״א, ו. ובפרש״י שם.

24) ע״ד ב׳ הפירושים (ספרא בחוקותי כו, ו) ב„והשבתי חי׳ רעה מן הארץ״: א) מעבירם מן העולם, ב) משביתן שלא יזיקו. וראה יהל אור (ובמילואים) לתהלים צב, א. ולהעיר מצפע״נ להרגצובי — בחוקותי שם.

25) כלים רפ״ב (משא״כ בהאופן דב״ק (נד, א) ששבירתן זהו מיתתן).





מבצע אהבת ישראל — **ליב האבן א אידן** כמוך (ווי זיך אליין) **מיט אלע קאנסעקווענצן דערפון.**

מבצע חינוך — **אין איינפאכן זין, אז ניט נאר די אייגענע קינדער, נאר זיך משתדל זיין אז יעדער אידיש קינד זאל באקומען דעם אמת׳ן תורה־חינוך.**

מבצע תורה — **לייגען ספעציעלע השתדלות אויף לערנען תורה אין יעדער פרייער צייט, אין צוגאב צום** חיוב **וואס יעדער איד איז מחויב צו לערנען תורה אלע טאג, בטאג און באנאכט.**

מבצע תפילין — **צו זען, אז יעדער איד זאל לייגן תפילין, וואס די מצוה פון תפילין איז איינע פון די ערשטע וועלכע אידן האבן באקומען נאך זייענדיג אין מצרים; און הוקשה כל התורה כולה לתפילין (די גאנצע תורה איז צוגעגליכן געווארן צו תפילין).**

מבצע מזוזה — **צו זען אז יעדער צימער אין א אידישער הויז זאל האבן א** כשר׳ע **מזוזה, וואס זי היט אלעמען און אלע זאכן וועלכע געפינען זיך אין הויז און באשיצט א אידן וואו ער גייט און שטייט, לויט דעם צוזאג ה׳ ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם.**

מבצע צדקה — **און צו פארשפרייטן די מצוה אויך דורך צדקה־פושקעס אד״ג, וואס דורך דער מצוה פון צדקה באקומט א איד דעם אויבערשטנ׳ס ברכות, וואס ער גיט זיי אלע בתור צדקה, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה.**

[און אין צוזאמענהאנג מיט די אויבנדערמאנטע מבצעים, אויך

מבצע בית מלא ספרים — **אז יעדער אידישע הויז זאל האבן ספרי־קודש, לכל הפחות א סידור, א חומש און א תהלים, וועלכע זאלן אים דערמאנען צו לערנען און דאוונען אלע טאג].**

מבצע חינוך: וכל המבצעים — ה״ה מבצע חינוך להזקוקים לעידוד באהבת ישראל, חינוך וכו׳.

זיך משתדל זיין אז יעדער: להעיר ד„מ״ע של תורה על כל חכם וחכם מישראל ללמד את כל התלמידים אע״פ שאינן יוצאי ירכו״ (הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״א ס״ח מרמב״ם הל׳ ת״ת פ״א ה״ב).

יעדער פרייער צייט: עיין תו״א מג״א (צח, ג).

בטאג און באנאכט: טושו״ע יו״ד ר״ס רמו.

באקומען .. אין מצרים: בא יג, ט. זמן התחלת קיומה — ראה קידושין (לז, ב): עשה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ. ובמפרשים שם.

הוקשה .. לתפילין: קדושין לה, א.

זי היט .. אלע זאכן: ועד שצ״ל קביעתה בטפח החיצון (שו״ע יו״ד סרפ״ה ס״ב).

וואו ער גייט: כדמוכח ממש״נ „ועד עולם״ — שהובא בזח״ג (רסג, ב. רסו, ב) בנוגע למזוזה. וראה שו״ע (יו״ד שם): כשאדם יוצא מן הבית יניח ידו על המזוזה ויאמר ה׳ ישמר צאתי וגו׳.

ה׳ .. עולם: תהלים קכא, ח. זוהר שם.

צדקה־פושקעס: שבהן המעלה ש„לא ידע למי יתן ולא ידע העני ממי מקבל״ (שו״ע יו״ד סרמ״ט ס״ז).

אויבערשטנ׳ס ברכות .. צדקה: ראה ויק״ר פכ״ז, ב. דרז״ל עה״פ ולך הוי׳ חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו (תהלים סב, יג). נ״כ לברכות (יז, ב): הרחוקים מצדקה.

דאָס מיינט, אַז מיט וואָס פאַר אַ ענינים ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען, אפילו עובדין דחול פון אַ גאַנץ יאָר, דאַרפן זיי זיין אין אַן אופן פון כל מעשיך לשם שמים (אַלע דיינע באַשעפטיקונגען זאָלן זיין מיט אַ ג־טלעכע כוונה) און בכל דרכיך דעהו (אין אַלע דיינע פירונגען זאָלסטו וויסן און דינען דעם אויבערשטן).

דער חודש תשרי איז אַ חודש כללי אויך אין דעם זין, אַז אין דעם חודש שאַפט זיך אַ איד איין „סחורה" פאַר דעם גאַנצן יאָר, און באַלד דערנאָך דאַרף מען אַנהויבן „אויספּאַקן" די „סחורה" פאַר יעדן טאָג אין אַלע פּרטים. מ'קען ניט יוצא זיין מיט דעם וואָס מ'האָט אויפגעטאָן אין דעם חודש הכללי.

אַזוי זיינען פאַראַן אויך מצוות כלליות — כאָטש יעדע מצוה און אַלע מצוות דאַרף מען מקיים זיין מיט דער גאַנצער זריזות און הידור. די מצוה כללית דאַרף מען מקיים זיין מיט נאָך אַ גרעסערן הידור און מיט נאָך אַ גרעסערע זריזות, דאָס מקיים זיין די דאָזיגע מצוות דורך יעדן אידן איז נאָך מער נוגע צו אַלע אידן און גאַנצן פאָלק ישראל בכלל.

* * *

איינע פון די הויפּט מצוות כלליות איז די מצוה פון אהבת ישראל, וואָס אויף דער מצוה ווערט געזאָגט, אַז זי איז אַ כלל גדול בתורה און כל התורה כולה די דערקלערונג פון דער מצוה איז, אַז אַלע אידן זיינען קומה אחת שלמה, ווי איין גוף, ביז אַז יעדער איד זאָגט אויף יעדן אַנדערן איד אַז ער איז עצמו ובשרו (מיין אייגן פליי און בלוט). דערמיט דערקלערט זיך אויך פאַרוואָס דאָס מקיים זיין אַ מצוה פון יעדן אידן אַלס פּרט איז נוגע דעם גאַנצן כלל ישראל: ועל אחת כמה וכמה דאָס מקיים זיין מצוות כלליות.

דעריבער איז איצט די צייט, ווי אויבנגעזאָגט, צו דערמאָנען נאָכאַמאָל וועגן די מצוות־מבצעים, וועגן וועלכע עס האָט זיך גערעדט באריכות אין די לעצטע חדשים באַ פאַרשידענע געלעגנהייטן, און פאַרבינדן זיי מיט דעם ענין פון ויעקב הלך לדרכו — אַז מ'זאָל גיין אין דעם, טאָן אין דעם נאָך מער ווי פריער, אין איינקלאַנג מיט דעם אָנזאָג מעלין בקודש (דערהויבן אַלע ענינים פון קדושה). און צוליב זייער חשיבות ווערן זיי דאָ נאָכאַמאָל אויסגערעכנט, כאָטש בקיצור:

---

כל מעשיך ... דעהו: ראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. וצע"ק שבשו"ע אדה"ז סקנ"ו ס"ב השמיט „כל מעשיך לש"ש" (אבל מציין בפנים לעיין באדר"נ פי"ז ובח"פ להרמב"ם פ"ה, שבשניהם מקושר הנ"ל עם בכל דרכיך דעהו).

„אויספּאַקן" די „סחורה": ראה שיחת יום שמח"ת תרצ"ט.

מצוה פון אהבת ישראל: בארוכה בקונטרס אהבת ישראל.

כלל כו' כל כו': ספרא לקדושים יט, יח. תניא פל"ב (משבת לא, א).

קומה ... גוף: טעהמ"צ להאריז"ל פ' קדושים. לקו"ת ר"פ נצבים.

עצמו ובשרו: סהמ"צ להצ"צ מצות אהבת ישראל. וראה ירושלמי נדרים פ"ט ה"ד.

מעלין בקודש: ברכות כח, א (וש"נ). וראה עינים למשפט לברכות שם.





און ווי ס'איז מבואר אין לקו"ת[26] אין דעם ענין פון שריפת הפרה, אַז „פרה" איז מרמז אויף די מעשים רעים וואָס זיינען „באמת רע גמור מצ"ע", וואָס דערפאַר פאַרברענט מען די פרה — ווייל „אין לה תקנה אלא ביטולה והעברתה מן העולם"; און עס בלייבט איבער בלויז דער אפר, וואָס באַווייזט אויפן עצם „כח המתאווה" וואָס איז ניט „רע מצד עצם עצמותו".

ב) זאָכן, וואָס הגם און אפילו ווען בגילוי זעט זיך ניט אין זיי קיין טוב, פונדעסטוועגן האָבן זיי אין זיך אַ ניצוץ טוב; וואָס דערפאַר דאַרף מען זיי ניט מאבד זיין, נאָר טאָן מיט זיי ביז מ'וועט, אדרבה, זיי מקיים זיין, דורך דעם וואָס מ'וועט זיי מהפך זיין מרע לטוב [ביז, ע"ד ווי דער לשון חז"ל[27]: „מצוות שהציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר"]

און דאָס איז דער הפרש צווישן די ביידע „עשרה דורות": דער רע פון די עשרה דורות שמאדם עד נח איז געווען רע גמור, און אַזאַ רע איז מאבד די וועלט; דעריבער האָט דער אויבערשטער זיי אינגאַנצן אָפּגעווישט פון דער וועלט, „הביא עליהם את מי המבול".

משא"כ די עשרה דורות שמנח ועד אברהם, כאָטש אויך זיי „היו מכעיסין ובאין", דאָך איז זייער רע געווען פון אַזאַ סוג וואָס מ'האָט עס געקענט מהפך זיין לטוב; און דערפאַר, בשעת אברהם אבינו איז געקומען און האָט דורך זיין עבודה „מקיים" געווען די וועלט, ער האָט מתקן און משלים גע־

וועזן די אַלע עשרה דורות — האָט ער באַקומען „שכר כולם".

ו. דער טעם וואָס דער אויבער־שטער איז מאריך אַף ביז עשרה דו־רות:

שוין גערעדט פיל מאָל[28], אַז „עשר" איז אַ גאַנצער און פולקאָמער מספר וואָס איז אין זיך כולל אַלע שלי־מות'ן[29]; און פונקט ווי דאָס איז אין צד הקדושה, אַזוי איז עס אויך אין היפך הקדושה: דער גאַנצער און פו־לער פאַרנעם פון רע איז אויסגעש־טעלט אין דעם מספר פון עשר, פון צען בחינות[30].

און דערפאַר איז דער אויבערשטער מאריך אַף (וואַרטנדיק מ'זאָל תשובה טאָן) ביז עשרה דורות — ד.ה. ביז צו דער פולער מאָס פון „מכעיסין ובאין" אין אַלע צען בחינות (דורות) פון רע[31].

ז. יעדער מענטש ווערט דאָך אָנ־גערופן „עולם קטן"[32] — איז פונקט ווי עס זיינען פאַראַן צוויי תקופות פון עשרה דורות אין „עולם גדול", אַזוי זיינען דאָ אָט די ביידע „תקופות" ביים „עולם קטן" — באַ אַ יחיד אין עבו־דתו ית':

ווען אַ מענטש איז אין משך פון גאַנצע „צען טעג" אַריינגעטאָן אין ענ־ינים בלתי רצויים און פונדעסטוועגן „וטוב לו", קען ער דאָך מיינען אַז

---

26) חקת נו, ג ואילך.

27) מנחות מד, א.

28) ראה לקו"ש חי"ג ע' 282 ס"ג ובנסמן שם — לענין עשרה מישראל.

29) ראב"ע לשמות ג, טו. פרדס ש"ב.

30) ראה תניא רפ"ו.

31) ראה גם דרך חיים שם.

32) תנחומא פקודי ג. תקו"ז תס"ט (ק, ב). ועייג"כ אדר"נ פל"א. קה"ר א, ד. ועוד.

אויך ווייטער וועט זיין מצב זיין ווי ביז איצט — „והתברך בלבבו לאמר שלום יהי' לי כי בשרירות לבי אלך"[33] — זאָגט אויף דעם די משנה, אַז דאָס וואָס ער האָט געהאַט השפעת הטוב ביז אַהער (הגם ער איז ניט כדבעי) איז עס דערפאַר וואָס דער אויבערשטער איז „מאריך אף"[34]; אָבער דאָס וועט נפסק ווערן נאָך דעם באַשטימטן זמן[35].

און דעריבער דאַרף ער טאָן זיין עבודה אין אַן אופן פון „הביא עליהם את מי המבול" — אינגאַנצן מבטל זיין די ענינים בלתי רצויים.

אָבער די עבודה איז ניט מספיק, וואָרום וויבאַלד עס זיינען שוין דורכ־געגאַנגען גאַנצע „צען טעג" אויף ענ־ינים בלתי רצויים, פעלט דאָך אין די ענינים טובים וואָס ער האָט אין דעם פאַרגאַנגענעם זמן געקענט (ובמילא — געדאַרפט) אויפטאָן — און ס'איז דאָך „ימים יצרו גו'"[36]: יעדער מענטש האָט אַ געוויסע צאָל טעג וואָס זיינען פאַר אים באַשטימט צו טאָן אין עבודת ה';

דעריבער מוז ער זיך פאַרנעמען מיט דער צווייטער עבודה (פון די צוויי „עשרה דורות"): פועל זיין אַ „קיום" אויך אין די פריערדיקע טעג — דורך דער עבודה פון אתהפכא חשוכא לנהורא, איז ער מתקן און משלים אויך דאָס וואָס ער האָט פאַר־פעלט אין די פריערדיקע טעג, ביז אין אַ אופן פון „וקבל שכר כולם".

(משיחת ש"פ ראה תשל"ה)

לקו"ש חט"ו ע' 70

33) נצבים כט, יח.
34) ראה לעיל ע' 66־67 ובהנסמן שם.
35) ראה בארוכה קונטרס ומעין מ"א פ"ב ואילך.
36) תהלים קלט, טז. המשך באתי לגני הש"ית ספ"י.

בנועם קבלתי מכתבו — אחרי הפסק ארוך — מיום כ' סיון, ובטח בינתים נתקבל מכתבי בברכת מזל טוב להולדת בנם שי', ובטח יודיע ג"כ מהשם אשר קראו לו בישראל. ומה שלא עניתי על שאלתו בקריאת השם, הוא ע"פ הידוע מכ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, שהי' עונה „אַז אין דערויף מיש איך זיך ניט" ומובן זה ע"פ המבואר בכתבי האריז"ל אשר להורים נותנים מלמעלה הדיעה הישרה לקרות השם מכוון לנשמת וגוף הנולד, כי הרי השם הוא צנור החיים שלו. ואכפול ברכתי שיגדלוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים ביחד עם בנם אחיו שי' ומתוך הרחבת הדעת האמיתית.

(ממכתב ח' תמוז תשי"ג)





# מר־חשון

ב"ה, ז' מרחשון, ה'תשל"ז
ברוקלין, נ. י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם

ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

נאָכן אַפּשלוס פון חודש תשרי, וואָס ווערט באַצייכנט אין ספרים אַלס חודש הכללי פון דעם גאַנצן יאָר און וואָס איז אָנגעפילט מיט ימים־טובים און איבערלעבונגען וואָס נעמען אַרום אַלע געביטן פון גייסטיגן לעבן פון אַ אידן במשך פון דעם גאַנצן יאָר — —

אָנהויבנדיק מיט יראה און קבלת עול מלכות שמים — די נקודה פון ראש השנה; תשובה — די נקודה פון עשרת ימי תשובה און יום כיפור; קיום המצוות מיט זריזות און שמחה, ביז צום העכסטן אויסדרוק פון שמחה מיט דער תורה — די נקודות פון סוכות, שמיני עצרת און שמחת תורה — —

איז די צייט צו דערמאָנען וועגן דעם מנהג וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין פיל ערטער, אַז מוצאי שמחת תורה האָט מען אויסגערופן: ויעקב הלך לדרכו (און יעקב איז געגאַנגען זיין וועג),

וואָס דער ענין פון דעם מנהג איז געווען מעורר צו זיין, אַז אַזוי ווי מ'גייט איצט אַריין אין טאָג־טעגלעכן לעבן (לדרכו), דאַרף אַ איד וויסן, אַז ער איז יעקב, און אַז ער האָט דרכו, זיין אייגענעם דרך, אַ דרך וואָס ציט זיך פון שמחת תורה און איז פאַרבונדן מיט דער שמחה פון תורה און מצוות.

ז' מרחשון .. אַפּשלוס: שאז יגיע אחרון שבישראל לנהר פרת ( — גבול וסיום א"י — תענית פ"א מ"ג). ומכאן — שמניעת צער של אחרון שבישראל משפיעה וקובעת ההנהגה בארץ ישראל ודכל הדרים עלי', ועד שגם עתה מתחילין לשאול בה גשמים מליל ז' במ"ח (עיין שו"ע אדה"ז חאו"ח רסקי"ז).

ז' מרחשון . . ימים־טובים: דעד ז' מ"ח „הי' דומה להם כאילו הם עדיין בא"י עסוקים בעניני הרגל" (ש"ך חו"מ סמ"ג סקמ"ז).

חודש הכללי: ד"ה צוהר תעשה, תש"ב פ"ג. מרשית (חסר א' כתיב) השנה אותיות מתשרי (אוה"ת דברים ע' א'תשנו. עיי"ש).

אָנגעפילט מיט ימים־טובים: מרובה במועדות (ב"י לטואו"ח סתצ"ב). ולהעיר מסי' האריז"ל (במקומו) דהימים שבין ר"ה ליוהכ"פ הם כמו חוה"מ (אף שאומרים בהם תחנון וסליחות).

זריזות און שמחה: ראה אגה"ק סכ"א: בזריזות נפלאה להראות שמחתו כו'. וראה שו"ע או"ח סו"ס תרכ"ד וסתרכ"ה ור"ס תרנ"ב.

ויעקב הלך לדרכו: בארוכה יותר במכ' דתחלת מ"ח תשל"ד וכו' (לקו"ש ח"י ע' 192 ואילך). ר"ד דהתועדות ד' מ"ח דשנה זו. — ועיין המשך וככה תרל"ז פצ"ו. וראה תר"ח ס"פ ויצא.

ער איז יעקב: ראה תנחומא שמות ד. תו"א ר"פ ויצא. ולהעיר מכתר ש"ט (בהוצאת קה"ת — סו"ס פא).

*) ראה גם לעיל ע' 259 ואילך. לקו"ש ח"כ ע' 266 ואילך. 367 ואילך. המו"ל.